# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................8:13
מוצאי שבת קודש............9:44

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..............................יהושע ט'
בבלי.........................חולין נ"ח
ירושלמי.........בבא מציעא י"ב
תוספתא.....................נדרים ב'
רמב"ם......................עירובין ז'

*פרשת חקת בלק, י"ב תמוז, אבות פרק ה', שנת תשפ"ו לפ"ק*
*שנה 15, גליון 38 (757)*


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**לֹא הִבִּיט אָוֶן בְּיַעֲקֹב וְלֹא רָאָה עָמָל בְּיִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקָיו עִמּוֹ וּתְרוּעַת מֶלֶךְ בּוֹ.** דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (בַּמִּדְבָּר רַבָּה כ, כ): דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זֵייעֶרע עֲבֵירוֹת, נָאר אוֹיף זֵייעֶר גֵאוּת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב): אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אַלֵיינְס דַן זַיין לְכַף זְכוּת, עֶר דַארְף קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר טוּט אוּן זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין מִיט דֶעם אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים. אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אַ צְוֵוייטְן אִיד דַארְף מֶען קוּקְן נָאר אוֹיף יֶענֶעמְ'ס גוּטֶע חֲלָקִים, אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעמְ'ס שְׁלֶעכְטְס.

בֶּאֱמֶת גֵייט דִי בֵּיידֶע זַאכְן צוּזַאמֶען, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט בַּיי זִיךְ נָאר אוֹיף זַיין גוּטְס, דֶעמָאלְט אִיז עֶר פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר קוּקְט בַּיי יֶענֶעם אוֹיךְ נָאר דִי גוּטְס. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אָבֶּער נָאר דִי שְׁלֶעכְטְס בַּיי זִיךְ וֶוערְט עֶר אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר זֶעט נָאר שְׁלֶעכְטְס בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דֶער פָּסוּק גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אִיד, **לֹא הִבִּיט אָוֶן בְּיַעֲקֹב** - מֶען זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן דִי פָּשׁוּטֶע אִידְן, **וְלֹא רָאָה עָמָל בְּיִשְׂרָאֵל** - אוּן אוֹיךְ נִישְׁט קוּקְן דִי שְׁלֶעכְטְס אוֹיף צַדִּיקִים. וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם? **ה' אֱלֹקָיו עִמּוֹ** - וֶוען מֶען ווֵייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאךְ אַלְץ לִיבּ אוּן עֶר אִיז מִיט אִים. דֶעמָאלְט וֶועט עֶר ווִיסְן אַז, **וּתְרוּעַת מֶלֶךְ בּוֹ** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן אִיד וִוי אַזוֹי עֶר קוּקְט נָאר אוֹיס.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן אִידְן נָאר אוֹיף זֵייעֶר גֵאוּת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט נָאר אוֹיף דֶעם וָואס אַ אִיד הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק מִיט זַיינֶע מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם, אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים וָואס עֶר הָאט, דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה בָּלָק ח)

**וַיַּרְא פִּינְחָס בֶּן אֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן וַיָּקָם מִתּוֹךְ הָעֵדָה וַיִּקַּח רֹמַח בְּיָדוֹ.** מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵּז זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ו): אַז וֶוען דִי תַּאֲווֹת שְׁטַארְקְן זִיךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ זָאל עֶר לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אוּן מִיט דֶעם וֶועט עֶר אָפְּקִילְן זַיין יֵצֶר הָרַע.

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת טו.) **כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע וּמְדַקְדֵּק בְּאוֹתִיּוֹתֶיהָ מְצַנְּנִין לוֹ גֵיהִנּוֹם,** דָאס מֵיינְט נִישְׁט נָאר דִי גֵיהִנּוֹם פוּן יֶענֶע וֶועלְט, נָאר אוֹיךְ אוֹיף דִי ווֶעלְט קִילְט עֶס אָפּ דִי פַייעֶר פוּן תַּאֲווֹת וָואס בְּרֶענְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, וֶוען פִּנְחָס הָאט גֶעזֶען אַז עֶס אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר דִי תַּאֲווֹת אוֹיף דִי אִידְן, אוּן זֵיי וֶוערְן נִכְשָׁל אִין עֲבֵירוֹת, וַיִּקַּח "רֹמַח" בְּיָדוֹ, הָאט עֶר גֶענוּמֶען קְרִיאַת שְׁמַע וָואס הָאט אִין זִיךְ רַמַ"ח ווֶערְטֶער, אוּן מִיט דֶעם מַכְנִיעַ גֶעוֶוען דִי שְׁוֶוערֶע תַּאֲווֹת. (זֹאת הַתּוֹרָה בָּלָק י')

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אִין קֶעמְפּ

דָאס זַיין אִין 'קֶעמְפּ' הָאט זֵייעֶר גְרוֹיסֶע מַעֲלוֹת פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מֶען אִיז אַוֶועק פוּן דִי שְׁטָאט, מֶען אִיז אַוֶועק פוּן דִי גוֹי'אִישֶׁע גַאסְן, מֶען קֶען אִין 'קֶעמְפּ' זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; זָאלְסְטוּ זִיךְ חַבֶר'ן מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם, חֲבֵרִים וָואס שְׁטֶעלְן זִיךְ צוּ צוּם סֵדֶר הַיְשִׁיבָה אוּן צוּ דִי תַּקָּנוֹת וָואס מֶען מַאכְט אִין 'קֶעמְפּ', וַוייל אוֹיךְ אִין 'קֶעמְפּ' דַארְף מֶען הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן אַז אֵיינֶער אִין דַיין שְׁטוּבּ הָאט מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט אַ כֵּלִי וָואס מֶען קֶען זֶען ווִידִיאוֹס -

<<<<<<

## א גוט ווארט

הָאסְט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל דִיר שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו דִיךְ אוֹיפְצוּפְרִישְׁן.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, וֶועק זִיךְ אוֹיף, זֶע אַז דַיינֶע שֵׁיינֶע יוּנְגֶע יָארְן זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, זֶע יֶעדְן טָאג צוּ דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען, גֵיי אִין שׁוּל יֶעדְן טָאג דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, גֵיי אִין שׁוּל מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, גָארְנִישְׁט זָאל אָפְּשְׁטֶעלְן דָאס גֵיין אִין שׁוּל, אוּן אַז דוּ בִּיסְט שְׁפֶּעט, דוּ דַארְפְסְט לוֹיפְן צוּ דִי אַרְבֶּעט — זָאלְסְטוּ עֶרְשְׁט גֵיין אִין שׁוּל, אֲפִילוּ מֶען דְרִיקְט דִיר וְכוּ', טְרַאכְט וָואס טוּט אַ מֶענְטְשׁ וָואס שְׁטֵייט אוֹיף אוּן שְׁפִּירְט נִישְׁט גוּט אוּן רוּפְט הַצָּלָה, מֶען טְרָאגְט אִים אִין שְׁפִּיטָאל, וָואס טְרַאכְט עֶר וֶועגְן דִי אַרְבֶּעט? וָואס פַאר אַ חֶשְׁבּוֹנוֹת לוֹיפְן אִין זַיין קָאפּ? עֶר טְרַאכְט נָאר פוּן אֵיין זַאךְ: 'אִיךְ ווִיל זַיין גֶעזוּנְט, אִיךְ ווִיל לֶעבְּן, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט', אַזוֹי דַארְף אַ אִיד טְרַאכְטְן יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי: 'אִיךְ ווִיל דַאוֶונֶען, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט, אִיךְ בִּין אַ אִידִ'. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קֹרַח תשפ"ו)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

# פְּרִיוַואט אִין קָאנְטְרִי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, (חֻקַּת בְּא״י), ב׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אַז דוּ קוּמְסְט בַּיי אוּנְז אִין קָאנְטְרִי ׳אִילָן הַחַיִּים׳, דוּ וֶועסְט זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בְּמֶשֶׁךְ דֶעם זוּמֶער.

אִיךְ ווִיל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט אוֹיסְנִיצְן דֶעם זוּמֶער אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן פַארְבְּרֶענְג אִין קָאנְטְרִי מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, דַיין שָׁכֵן לָאז פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זַיין וַוייבּ אוּן זַיינֶע קִינְדֶער, מִישׁ נִישְׁט אוֹיס דִי יוֹצְרוֹת, שְׁטוּפּ זִיךְ נִישְׁט אַרַיין דִי נָאז וואוּ דוּ גֶעהֶערְסְט נִישְׁט, עֶס אִיז נִישְׁט אֵיידֶל אַרַיין צוּ גֵיין אִין יֶענֶעמְ׳ס שְׁטוּבּ, אוֹיךְ נִישְׁט אִין יֶענֶעמְ׳ס חָצֵר, פָּארְטְשׁ וְכַדוֹמֶה; אַז יֶענֶער עֶסְט נַאכְטְמָאל אִין זַיין חָצֵר - שְׁפַּאצִיר נִישְׁט אַרַיין צוּ אִים, שְׁמוּעֶסְן, לַאכְן - הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דִי וָואס זָאגְן: ״עֶס אִיז גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְט, מֶען שְׁמוּעֶסְט נָאר, מֶען לַאכְט נָאר, מֶען שְׁמֵייכְלְט נָאר, מֶען טוּט גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְט״; אוֹיף דֶעם זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה (מִשְׁלֵי ו, כז): ״**הֲיַחְתֶּה אִישׁ אֵשׁ בְּחֵיקוֹ וּבְגָדָיו לֹא תִשָּׂרַפְנָה**״, קֶען דֶען אַ מֶענְטְשׁ הַאלְטְן פֵייעֶר אוֹיפְן שׁוֹיס אוּן זַיינֶע קְלֵיידֶער וֶועלְן נִישְׁט פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן? ״**אִם יְהַלֵּךְ אִישׁ עַל הַגֶּחָלִים וְרַגְלָיו לֹא תִכָּוֶינָה**״, קֶען דֶען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפַּאצִירְן אוֹיף בְּרֶענֶעדִיגֶע קוֹילְן אוּן זַיינֶע פִיס זָאלְן נִישְׁט פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן? ״**כֵּן הַבָּא אֶל אֵשֶׁת רֵעֵהוּ, לֹא יִנָּקֶה כָּל הַנֹּגֵעַ בָּהּ**״, דָאס זֶעלְבֶּע סוֹף וֶועט זַיין מִיט אַ מֶענְטְשׁ וָואס זָאגְט: ״מֶען שְׁמוּעֶסְט נָאר, מֶען פַארְבְּרֶענְגְט, מֶען לַאכְט, מִיר טוּעֶן נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס״; מֶען וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט אִין גֵיהִנּוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אַלֶעס וָואס דוּ מַאכְסְט אוּן טוּסְט - זָאל זַיין פְּרִיוַואט מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה, דָאס הֵייסְט פְּרִיוַואט מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, אוּן גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן אִין ׳קָאנְטְרִי׳ דַיין גַאנְצֶע יִרְאַת שָׁמַיִם, נִישְׁט אוּמְזִיסְט פְלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פוּן סַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וֵויינֶען אוֹיף דִי וָואס פָּארְן אַוֶועק אִין ׳קָאנְטְרִי׳, מֶען זָאלְן ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוֹיךְ דָארְט אוּן מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם; עֶר הָאט גֶעזָאגְט: ״מֶען פָּארְט אַוֶועק פוּן שְׁטָאט, אָבֶּער מֶען פָארְט נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן״.

עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין אוּן אַזוֹי גוּט וֶוען דִי שְׁטוּבּ אִיז עֶרְלִיךְ, דִי שְׁכִינָה רוּט אִין שְׁטוּבּ, אַלֶע בְּרָכוֹת אִיז אִין שְׁטוּבּ, אוּן אוֹי וֵויי אוֹיבּ מֶען פִירְט זִיךְ נִישְׁט בִּצְנִיעוּת, מֶען זִיצְט אִינְאֵיינֶעם קָאפְּלְס, מֶענֶער אוּן וַוייבֶּער, אוֹי וֵויי וָואס פַּאסִירְט, דִי שְׁכִינָה גֵייט אַוֶועק, אוּן אַז דִי שְׁכִינָה אִיז נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ - קוּמֶען דִי מַזִּיקִים, עֶס קוּמְט צָרוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קֹרַח תשפ״ו)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּשׁוּבָה

מב. כְּשֶׁתְּלַמֵּד אֶת בֵּן רָשָׁע דֶּרֶךְ טוֹב, עַל יְדֵי זֶה תּוּכַל לְבַטֵּל גְּזֵרוֹת. אַז דוּ וֶועסְט אוֹיסְלֶערְנֶען אַ קִינְד פוּן אַ רָשָׁע זִיךְ צוּ פִירְן אוֹיפְ׳ן גוּטְן וֶועג, וֶועסְטוּ דוּרְךְ דֶעם קֶענֶען מְבַטֵּל זַיין גְזֵירוֹת.

מג. עַל יְדֵי שֶׁקֶר, מַחֲזִיק יְדֵי רְשָׁעִים. דוּרְכְ׳ן זָאגְן לִיגְנְט, גֶעבְּסְטוּ חִיזוּק פַּאר דִי רְשָׁעִים.

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

זָאלְסְטוּ זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ קוּקְן קַיין ווִידִיאוֹס, אוּן אֲפִילוּ בָּחוּרִים זָאגְן דִיר: ״זַיי נִישְׁט קַיין פְרוּמֶער, מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ, דִי זַאכְן מֶעג מֶען קוּקְן, דִי זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם״ - זָאלְסְטוּ זִיךְ מִיט חָכְמָה אַרוֹיסְדְרֵייעֶן, זָאלְסְט נִישְׁט בְּרֶעכְן דַיין גֶּדֶר וָואס דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען אוֹיף דִיר נִישְׁט צוּ קוּקְן; אוֹיךְ וֶוען דוּ הֶערְסְט חֲבֵרִים רֶעדְן פוּן זַאכְן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען, אוּן עֶס זֶעט דִיר אוֹיס זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט אוּן דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ ווִי אַ נַאר אַז דוּ וֵוייסְט נִישְׁט פוּן דִי זַאכְן, דוּ הָאסְט נִישְׁט וָואס מִיט צוּ רֶעדְן - גֶעדֶענְק וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (עֵדֻיּוֹת ה, ו), עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען אוֹיסְקוּקְן ווִי אַ שׁוֹטֶה - ווִי אֵיידֶער זַיין אֵיין סֶעקוּנְדֶע אַ רָשָׁע, אוּן בְּלַייבּ שְׁטַארְק מִיט דַיין גוּטֶע גֶּדֶר פוּן נִישְׁט קוּקְן; וַוייל אַז מֶען הֵייבְּט אָן קוּקְן ווִידִיאוֹס - הָאט דָאס נִישְׁט קַיין אָפְּשְׁטֶעל, מֶען קוּמְט צוּ קוּקְן דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן, דִי שָׁלֹשׁ חֲמוּרוֹת: עֲבוֹדָה זָרָה, גִּלּוּי עֲרָיוֹת אוּן שְׁפִיכַת דָמִים.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, דֶער יֵצֶר הָרָע אַרְבֶּעט מִיט חָכְמָה, אוּן וֶוען עֶר ווִיל פַארְכַאפְּן אַ יוּנְגֶע רֵיינֶע בָּחוּר וֶועט עֶר נִישְׁט אָנְהֵייבְּן מִיטְן אִים וַוייזְן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, עֶר וֶועט אָנְהֵייבְּן מִיט אִידִישֶׁע קְלִיפְּס, מִיט דְזְשָׁאוּקְס, מִיט עֶדְוֶוערְטֵייזְמֶענְטְס, אוּן אַזוֹי צוּבִּיסְלֶעךְ וֶוערְט מֶען צוּגֶעווָאוֹינְט צוּ קוּקְן, אוּן מִיט דִי צַייט הֵייבְּט מֶען אָן קוּקְן נַייעֶס, מֶען אִיז זִיךְ מוֹרֶה הֶיתֵּר צוּ קוּקְן ווִי פְּרוֹיעֶן רֶעדְן, אוּן אַזוֹי הֵייבְּט מֶען אָן קוּקְן גוֹי׳אִישֶׁע ווִידִיאוֹס אוּן מָאוִויס, אוּן מֶען פַּאלְט אַרַיין אִין קוּקְן עֲבֵירוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אוֹיךְ דִי אִידִישֶׁע זַאכְן פַּאר זִיךְ זֶענֶען אַ סַכָּנָה צוּ קוּקְן, וַוייל לֵיידֶער זֶענֶען דָא הַיינְט הֵיימִישֶׁע אִידְן וָואס רוּפְן זִיךְ חֲסִידִים, מִיט שְׁטְרַיימְל אוּן בֶּעקִיטְשֶׁע, וָואס מַאכְן אַלֶע סָארְט לֵיצָנוּת פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, זֵיי מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן מִצְווֹת אוּן פוּן מִנְהָגִים; עֶמְטְלִיךְ אִיז עֶס נִישְׁט קֶעגְן אִידִישְׁקֵייט, עֶמְטְלִיךְ אִיז עֶס פַּאר עֶדְוֶוערְטֵייזְמֶענְט אוּן אוּנְטֶערְטֶעינְמֶענְט, אָבֶּער עֶס לִיגְט אִין דֶעם אַ גִיפְט; וֶוען מֶען קוּקְט דִי זַאכְן וֶוערְט מֶען קַאלְט צוּ מִצְווֹת, מֶען וֶוערְט קַאלְט צוּ טוּן דִי הֵיילִיגֶע מִנְהָגִים; פוּן דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת לֵיצָנוּת, סִימָן ה): ״עַל יְדֵי לֵיצָנוּת אֵין לוֹ חָכְמָה״, לֵיצָנוּת פַארְטְרַייבְּט דִי יִרְאַת שָׁמַיִם; עַל כֵּן בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, דְרֵיי זִיךְ אַרוֹיס מִיט חָכְמָה פוּן דִי בָּחוּרִים, זוּךְ אוֹיף אִין יְשִׁיבָה עֶרְלִיכֶע בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן תְּמִימוּת, מִיט זֵיי זָאלְסְטוּ פַארְבְּרֶענְגֶען, מִיט זֵיי זָאלְסְטוּ שְׁמוּעֶסְן; אַזוֹי וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קוֹנֶה זַיין אַסַאךְ יִרְאַת שָׁמַיִם, דוּ וֶועסְט אוֹיסְנִיצְן דִי זוּמֶער וָואכְן מִיט קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה.

זַיין אִין ׳קֶעמְפּ׳ הָאט זֵייעֶר גְרוֹיסֶע מַעֲלוֹת; דָאס זַיין אַוֶועק פוּן שְׁטָאט, דָאס זַיין אַוֶועק פוּן דִי גַאס - אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה, אָבֶּער מֶען דַארְף

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טוּישְׁן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען הָאט גֶעזֶען בַּיי דִי עֶלְטֶערְן, אַז מֶען זֶעט דִי חֲבֵרִים פִירְן זִיךְ אַנְדֶערְשׁ וִוי מֶען פִירְט זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים, דַארְף מֶען זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק, בְּלַייבְּן מִיט דִי גוּטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי דִי עֶלְטֶערְן פִירְן זִיךְ; אִין 'קֶעמְפּ' קוּמֶען בָּחוּרִים פוּן אַלֶע סָארְט שְׁטִיבֶּער, אוּן מֶען דַארְף טַאקֶע זִיךְ פִירְן צוּ אַלֶעמֶען שֵׁיין, יֶעדְן מְקָרֵב זַיין, יֶעדְן בַּאגְרִיסְן, אָבֶּער מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אַוֶועק צוּ וַוארְפְן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דִי עֶלְטֶערְן פִירְן זִיךְ, נִישְׁט נָאכְמַאכְן דִי חֶסְרוֹנוֹת וָואס זֵיי בְּרֶענְגֶען מִיט פוּן שְׁטוּב. (קוּנְטְרֵס קֶעמְפּ)

<<<<<< נייעס

עברי אינדערהיים מיט די קינדער. דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אז מען קען זיך נישט פארשטעלן ווי קריטיש דער לימוד פון עברי איז פאר א קינד, וויבאלד דאס באגלייט אים זיין גאנץ לעבן. דער ראש ישיבה האט באטאנט אז עברי ענדיגט זיך נאכנישט אין כיתה א', ווייל כיתה ב' איז נאכאלץ א יאר פון עברי. "יעדער טאטע ביי וועמען זיין זון איז אים חשוב און טייער, זאל זיך אוועקזעצן עטליכע מינוט א טאג, מען דארף נישט אוועקגעבן מער ווי אפאר מינוט, און זיך אראפזעצן מיט זיין זון. לערן מיט אים יעדן טאג א האלבן עמוד תהילים; פאר עברי דארף מען האבן סבלנות און רגילות," האט דער ראש ישיבה שליט"א אויסגעפירט.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה שליט"א ארויסגעברענגט נאך א שטארקע נקודה: "יעדעס מאל וואס איך קום אריין אין דעם בנין, ווער איך נאכאמאל נתרגש צו זען וואס דא האט זיך אפגעשפילט מיט יארן צוריק," האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט. "אידישע קינדער זענען געקומען קיין אמעריקע, און מ'האט נישט געקענט היטן שבת אין ברוקלין; ווייל אויב זיי האבן געוואלט ברענגען ברויט אויפן טיש, האבן זיי געדארפט ארבעטן שבת רחמנא ליצלן, זענען געווען אידן מיט מסירות נפש וואס זענען ארויסגעקומען דא אין די קעטסקילס; זיי זענען אוועקגעגאנגען פון שטאט נאר כדי צו קענען היטן שבת. זיי האבן געבויט שיינע שולן, דא איז געווען זייער גרויסער בית המדרש, אבער דעם עיקר האבן זיי פארגעסן: חינוך הבנים והבנות. זיי האבן אינגאנצן אין א זייט געלייגט די קינדער, און רחמנא ליצלן איז גארנישט געבליבן פון זיי". "און היינט," האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט, "ווער איך נתרגש אז מ'האט געקענט נעמען אט דעם בנין, און דייקא דארט וואו זיי האבן פארפאסט, נוצט מען עס יעצט פאר א תלמוד תורה, פאר חינוך הבנים והבנות, קרוב צו זעקס הונדערט אידישע קינדער לערנען אין דעם בנין." האט דער ראש ישיבה געזאגט, און האט זייער שיין אנגעווינטשן פאר אלע משתתפים.

דערנאך האט מען זיך ארויסגעלאזט אין געהויבענע טענץ, ווען די עלטערן האבן גענומען זייער חומש סעודה צדיק'ל מיט די קרוינען אויף די קעפ. עס איז געווען א דאפלטע רינג: אונטן די טאטעס, און אויף זייערע אקסלען האבן זיך אנגעכאפט די קינדערלעך מיט די קרוינען. עס איז ממש געווען זיס ווי צוקער.

דערנאך זענען די עלטערן און זיידעס אהיימגעגאנגען מלא שמחה, אז זיי האבן זוכה געווען אז זייער זון לערנט די הייליגע תורה.

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# אָפְּגֶעלָאזְט דֶעם שִׁידוּךְ?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין זִיךְ אַסַאךְ מְחַזֵק מִיט דִי שְׁמוּעֶסְן אוּן שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ בִּין אַ חָתָן גֶעוָוארְן פַאר עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים צוּרִיק, אָבֶּער אַ חוֹדֶשׁ פַאר עֶס הָאט גֶעדַארְפְט זַיין דִי חֲתוּנָה הָאט דִי כַּלָה אָפְּגֶעלָאזְט דֶעם שִׁידוּךְ, אָן קַיין שוּם סִיבָּה.

פוּן דֶעמָאלְט בִּין אִיךְ גֶענְצְלִיךְ צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ קֶען מַמָשׁ נִישְׁט לֶערְנֶען, אוּן קוּים וָואס אִיךְ קֶען אַבִּיסְל דַאוֶוענֶען. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן אוּן וִוי אַזוֹי צוּ גֵיין פוּן דָא וַוייטֶער, אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר הֶעלְפְן אוּן מְחַזֵק זַיין.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בְּא"י), י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דָאס וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט דִיר, מֶען הָאט אָפְּגֶעלָאזְט דִי שִׁידוּךְ אַ חוֹדֶשׁ פַאר דִי חֲתוּנָה – אִיז זֵייעֶר אַ וֵוייטָאגְלִיכֶע מַעֲשֶׂה, דִי וֵוייטָאג אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע וֵוייטָאג, עֶס קֶען צֶערוּדֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ, וַוייל מֶען הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעפְרֵייט אַז מֶען גֵייט חֲתוּנָה הָאבְּן, דִי גֶעפִילְן זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק, מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעקוּקְט אוֹיף דִי שֶׁענְסְטֶע צַייט וָואס מֶען הָאט אִין לֶעבְּן – אוּן פְּלוּצְלוּנְג בּוּם... אַ קְרַאךְ... אַ בָּאמְבֶּע... אַלֶעס אוֹיס... דִי צַעַר אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק.

דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר: "דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ"; חַזֵר דִי אֱמוּנָה, חַזֵר זִיךְ אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט – קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז עֶס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – קֶען דָאס נִישְׁט זַיין שְׁלֶעכְט, וַוייל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין שְׁלֶעכְטְס, אוּן אַז מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן דָאס נִישְׁט – אִיז דָאס נָאכְאַלְץ זִיכֶער פַאר אוּנְזֶער טוֹבָה, אוּן מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דַרְכֵי הַמָקוֹם.

דִי שִׁידוּךְ וָואס מֶען הָאט אָפְּגֶעלָאזְט – אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען דַיין שִׁידוּךְ, אוּן דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער דַיין שִׁידוּךְ; אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מְגַלֶה גֶעוֶוען וֶוען דֶעם רֶבִּינְ'ס וַוייבּ אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן. דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען אִין רַאדְוִויל, דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט חֲתוּנָה הָאבְּן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט זַיין אָן אַ וַוייבּ, דֶעמָאלְט זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַסַאךְ פְרוּיעֶן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעוָואלְט מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אִים, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקצה), אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן זֶענֶען זַיינֶע שִׁידוּכִים, אוּן אַזוֹי אִיז בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, מֶען הָאט כַּמָה וְכַמָה זִיווּגִים, דִי שִׁידוּכִים וָואס מֶען רֶעדְט אִיז אוֹיךְ אַ בְּחִינָה פוּן שִׁידוּךְ, אֲפִילוּ עֶס וֶוערְט נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט, אֲפִילוּ וֶוען מֶענְטְשְׁן שְׁמוּעֶסְן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, עֶס פַאלְט זֵיי בַּיי אַז דֶער בָּחוּר וָואלְט גוּט גֶעוֶוען פַאר דִי מֵיידְל – אִיז דָאס אַ שִׁידוּךְ, אֲפִילוּ וֶוען דֶער שִׁידוּךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אָנְהֵייבְּן אוּן נִישְׁט עֶנְדִיגְן – אִיז דָאס אוֹיךְ אַ בְּחִינָה פוּן אַ שִׁידוּךְ, "וְלִפְעָמִים נוֹסְעִים לַעֲשׂוֹת הַשִּׁדּוּךְ וּבְעֵת הַגְּמָר נִפְרָדִים מֵאֵיזֶה סִבָּה, וְלִפְעָמִים נִגְמַר הַשִּׁדּוּךְ וְאַחַר כָּךְ מַפְסִיקִים הַקֶּשֶׁר שֶׁל תְּנָאִים, וְלִפְעָמִים בָּאִין לִידֵי נִשּׂוּאִין וְאַחַר כָּךְ בְּסָמוּךְ נַעֲשָׂה גֵּט בֵּינֵיהֶם. וְלִפְעָמִים אֵינוֹ נַעֲשֶׂה הַגֵּט עַד אַחַר אֵיזֶה זְמַן וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה כַּמָּה בְּחִינוֹת שֶׁיֵּשׁ בְּעִנְיְנֵי הַשִּׁדּוּכִים וְהַזִּוּוּגִים שֶׁאֵינָם נִגְמָרִים

<<<<<<

<<<<<< שו"ת ברסלב

אַחַר כָּךְ, אֲבָל כֻּלָּם הֵם בְּחִינַת זִוּוּגִים שֶׁלּוֹ. כִּי כָּל אֶחָד יֵשׁ לוֹ כַּמָּה זִוּוּגִים, רַק שֶׁאֵצֶל זֶה נִגְמָר אֵיזֶה זִוּוּג שֶׁלּוֹ עַל יְדֵי אֵיזֶה דִּבּוּר בְּעָלְמָא שֶׁמְּדַבְּרִים מִזֶּה הַשִּׁדּוּךְ, וְלִפְעָמִים עַל יְדֵי אֵיזֶה דִּבּוּר יוֹתֵר אוֹ עַל יְדֵי אֵיזֶה הִתְקַשְּׁרוּת אוֹ נְסִיעָה אוֹ עֻבְדָּא בִּשְׁבִיל הַשִּׁדּוּךְ לְפִי שָׁעָה וְכוּ׳ כַּנַּ"ל"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט פַאר אַ בָּחוּר אוּן פַאר אַ מֵיידְל כְּדֵי זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ – אֲפִילוּ עֶס וֶוערְט נִישְׁט – אִיז אוֹיךְ עֶפֶּעס, וַוייל עֶס וֶוערְט נֶענְטֶער זֵייעֶר רִיכְטִיגֶער שִׁידוּךְ, עַיֵּין שָׁם.

אַז זִי הָאט דִיר גֶעקֶענְט טוּן אַזַא זַאךְ, זָאלְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט דִיר, וַוייל אַז זִי אִיז אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס קֶען טוּן אַזוֹינְס – דַארְפְסְטוּ אִיר נִישְׁט הָאבְּן; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַ כְּלַל אִין לֶעבְּן, 'אַז אֵיינֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט דַארְף אִיךְ יֶענֶעם טוֹיזְנְט מָאל נִישְׁט'.

נֶעם זִיךְ צַאם, הֵייבּ אָן צוּרִיק מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, גֵיי דַאוֶועֶנְען דְרֵיי מָאל אַ טָאג דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת מִיט מִנְיָן, הֵייבּ אָן צוּרִיק לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים אוּן נֶעם אַרָאפּ יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל צַייט פַאר הִתְבּוֹדְדוּת; גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ, דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, שְׁמוּעֶס אוֹיס דַיין הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה, וִוי פְרֵיילִיךְ דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אַז דוּ גֵייסְט שׁוֹין כִּמְעַט חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן פְּלוּצְלוּנְג אִיז אַלֶעס פַארְשְׁוואוּנְדְן גֶעוָוארְן; בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אוּן בֶּעט אִים דוּ זָאלְסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

בִּיטֶע מִיר שְׁרַייבְּן וֶוען דוּ וֶוערְסְט אַ חָתָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּהַעֲלוֹתְךָ תשפ"ו)

# שיינע חומש סעודה אין תלמוד תורה

פארגאנגענעם דאנערשטאג איז פארגעקומען א הערליכע חומש סעודה אין תלמוד היכל הקודש ברסלב אין וויליאמסבורג, ווען די זיסע קינדערלעך פון כתה א׳ האבן זוכה געווען צו פייערן זייער מעמד התחלת לימוד חומש, נאכדעם וואס זיי האבן ברוך ה׳ זוכה געווען צו ענדיגן לערנען די הייליגע עברי.

ווי איינגעפירט האבן די קינדער געזאגט די ערשטע פסוקים פון חומש ויקרא, נאכדעם וואס מען האט זיי אויסגעפרעגט פארוואס זיי שטייען אין די הייך, די קינדער האבן געזינגען שיינע ניגונים, און די עלטערן און זיידעס און באבעס האבן געשעפט אידיש נחת.

דער ראש ישיבה שליט"א האט ארויסגעברענגט זיין דאנק צום אייבערשטן אז ער איז זוכה צו זיצן ביים חומש סעודה פון נאך א זון וואס איז זוכה צו ענדיגן לערנען די הייליגע עברי, ער האט ארויסגעהויבן דעם חשובן מלמד הר"ר נחמן ניישטיין שליט"א וואס לערנט מיט די קינדער מיט אזא געטריישאפט, ער לערנען מיט זיי די הייליגע עברי און לייגט אריין אין זיי אזויפיל תורה, אמונה, און יראת שמים.

דעם זונטאג פרשת חקת בלק זענען די זאלן פונעם בנין התלמוד תורה אין שטעטל אין ליבערטי געווארן איבערגעפילט מיט עלטערן און זיידעס, וואס זענען געקומען מיטפרייען ביים שמחת התורה און מיטצוהאלטן דעם געהויבענעם מעמד, ווען די קינדער פון כיתה א׳ אין שטעטל האבן אנגעהויבן לערנען דעם הייליגן חומש. עטליכע קינדער ארויפגעקומען פארזאגן די פסוקים פון דעם הייליגן חומש, בשעת די איבריגע קינדער זאגן מיט אזוי בא׳חנ׳ט. דערנאך האט מען געזונגען הערליכע ניגונים לכבוד התורה.

צום ערשט האט מען געהערט דיבורים פונעם מנהל הר"ר מרדכי אינדיג שליט"א, ארויסברענגענדיג די ריינקייט פון די קליינע אידישע קינדער, און ארויסגעברענגט אז בשעת מען שעפט נחת פון די ליכטיגע קינדער וואס הויבן אן לערנען דעם הייליגן חומש, דארף מען געדענקען צו בעטן דעם אייבערשטן אז די טייערע קינדער זאלן ווייטער בלייבן הייליג און טייער זייער גאנץ לעבן, כאטש וואס מען מאכט א "חומש סעודה", טיילט מען אבער א "סידור", צו געדענקען אז נאר מיט תפלה קען מען זוכה זיין צו זען אמת׳דיגע אידיש נחת פון די קינדער.

דערנאך האט מען געהערט ווערטער פונעם מלמד הר"ר בערל שניטצלער שליט"א, וועלכער האט געדאנקט דעם אויבערשטן אויף דעם וואס מען האלט שוין דא, און זיך עקסטער באדאנקט ביי די חשוב׳ע עלטערן וואס געבן זיך אוועק יעדן טאג, טאג איין טאג אויס, פונעם אנפאנג יאר ביז היינט, איבערצו׳חזר׳ן די עברי אינדערהיים מיט זייערע קינדער. ער האט ארויסגעהויבן אז אפילו ס׳קומט נישט אלעמאל אן גרינג, האבן זיי איינגעזען די וויכטיגקייט דערפון און אוועקגעגעבן צייט פאר דעם.

דאן האט מען זוכה געווען צו הערן דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א, וועלכער האט צוערשט אנגעהויבן מיט א דאנק פאר׳ן מנהל פאר׳ן זיך אוועקגעבן מיט מסירות נפש פאר אונזער חדר, פאר די ליכטיגע קינדערלעך, דער ראש ישיבה שליט"א האט ארויסגעברענגט אז מ׳קען ממש נישט באגרייפן וואספארא כוחות און ארבעט דער מנהל לייגט אריין, און ער האט אים אנגעוואונטשן ער זאל זען פיל אידיש נחת ביי זיין גאנצע משפחה. דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א באדאנקט דעם חשוב׳ן מלמד, זאגנדיג אז קיינער קען נישט פארשטיין וואס עס מיינט א מלמד וואס זיצט מיט יונגע קינדער און לערנט מיט זיי עברי. "דער מלמד ר׳ בערל," האט דער ראש הישיבה געזאגט, "נעמט יעדעס קינד פערזענליך כאילו עס איז זיין אייגן קינד." דער ראש ישיבה שליט"א האט אויך אנגעוואונטשן פאר׳ן מלמד ר׳ בערל ער זאל זוכה זיין צו זען אסאך אידיש נחת ביי זיין משפחה געזונטערהייט.

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א ארויסגעברענגט די וויכטיגקייט פון איבערגיין

<<<<<<

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **נחמן יאקאבאוויטש** הי"ו בית שמש
צו די שמחה למזל טוב פון זיין זון
החתן **שמעון יאקאבאוויטש** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **יצחק ראטה** הי"ו בית שמש

***

מו"ה **אהרן פרענקעל** הי"ו בית שמש
צו די שמחה למזל טוב פון זיין זון
החתן **צבי פרענקעל** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **יוחנן שור** הי"ו ירושלים עיה"ק

***

מו"ה **יוסף מערמלשטיין** הי"ו קרית ברסלב
צו די אפשערן פון זיין זון **אשר** נ"י למזל טוב


## תמימות

עס קען אויסזען נעבעכדיג, אבער מיט תמימות ופשיטות, אן קיין חכמות, קומט מען די שענסטע און בעסטע אין לעבן

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 12, 2, 37**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים בעז"ה**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >